בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון י"ז

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת קרח (בא"י חקת) תשפ"ג

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### צֶעבְּרֶעךְ זֵיי נִישְׁט

אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל מַאכְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אַז אַ קִינְד וָואס קֶען נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דִי לִימוּדִים, זָאל דַארְפְן גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי. אַז דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס קֶענֶען גֶעבְּן דִי הִילְף, זָאלְן זֵיי הֶעלְפְן, און אַז נִישְׁט - צֶעבְּרֶעךְ זֵיי נִישְׁט.

אַ מַאמֶע שְׁרַייבְּט מִיר: אֵיין חִסָּרוֹן הָאט דָאס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, אַז מֶען כַאפְּט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט... זִי דֶערְצֵיילְט, וֶוען זִי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט פְלֶעגְט זִי וַוארְטְן אוֹיף דִי בָּאס צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ פְרוֹיעֶן, פְלֶעגְט זִי הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער, וָואס דִי סְקוּלְ'ס פַארְלַאנְגֶען, און אַז יֶעדֶע צְוֵוייטֶע קִינְד דַארְף מֶען נֶעמֶען צוּ טֶערֶעפִּי גֶעבְּן הִילְף, זִי פְלֶעגְט שְׁטֵיין אִין דִי זַייט און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין קֶעיסֶעס, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם קִינְדֶער"**, הַיינְט פַארְגֶעסְט זִי שׁוֹין אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען....

### 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה!

אוֹיף אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, עֶס מוּז זַיין זַייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה!

### וֶוען שְׁלָאגְט מֶען יָא און וֶוען נִישְׁט?

דִי וָואךְ הָאב אִיךְ גֶעהַאט אַ מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה, שְׁטֶעלְט מִיר אָפּ אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה און פְרֶעגְט מִיר: אִיךְ הֶער דוּ רֶעדְסְט פוּן חִינוּךְ, זָאג מִיר עֶפֶּעס אַ טְרִיק אִין חִינוּךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער? און וֶוען שְׁלָאגְט מֶען יָא, און וֶוען נִישְׁט?

זָאג אִיךְ אִים: אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער! אִיךְ גֶעבּ אַמָאל אַ פַּאטְשׁ, וֶוען דֶער מְלַמֵד זָאגְט מִיר אַז אִין חֵדֶר אִיז דֶער קִינְד נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג. אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט רֶעדְן צוּם מְלַמֵד, וַוייל אַז אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אִיז עֶס תָּלוּי אִינֶעם מְלַמֵד, אָבֶּער אַז דֶער מְלַמֵד קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אִיז דָאס נָאכְנִישְׁט קַיין תֵּירוּץ פַאר מַיין קִינְד זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, מוּז אִיךְ אִים גֶעבְּן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט דֶער מִיטְל בַּיים לֵייגְן שְׁלָאפְן קִינְדֶער.

### ווִי אַזוֹי לֵייגְט מֶען שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער?

פְרֶעגְט עֶר מִיר: דֶעמָאלְט וָואס אִיז דִי טְרִיק צוּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער אָן פֶּעטְשׁ?

זָאג אִיךְ אִים: דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ **קִינְד קוּשְׁט מֶען נִישְׁט און אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט"**; מֶען רֶעדְט דָא נִישְׁט פוּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט פוּן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער. אַ נֵיי גֶעבּוֹירְן קִינְד בִּיז נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע פָאר יָאר (פְרֶעג מִיר נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ בִּיז ווִיפִיל טֶעג מֶען מֶעג קוּשְׁן אַ קִינְד, דָאס וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מוּזְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען...) מוּז מֶען קוּשְׁן און מֶען מוּז עֶס הַאלְזְן, אַז מֶען טוּט עֶס נִישְׁט, קֶען נִישְׁט דֶער קִינְד אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, אִיךְ וֵוייס אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיבּ דָאס קִינְד קֶען בִּכְלַל לֶעבְּן.

אָבֶּער אַן עֶלְטֶערֶע קִינְד 'קוּשְׁט' מֶען נִישְׁט און מֶען 'שְׁלָאגְט' נִישְׁט. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס גֵייט צוּזַאמֶען, אַז מֶען קוּשְׁט - דַארְף מֶען נָאכְדֶעם שְׁלָאגְן. דָאס מֵיינְט, אַז דֶער מְלַמֵד, לֶערֶערִין, אָדֶער טַאטֶע מַאמֶע וֶוערְן חֲבֵרִים מִיטְ'ן קִינְד, מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד און מֶען צֶערְטְלְט אִים, מֶען קוּשְׁט אִים און מֶען הַאלְדְזְט אִים, פַארְוָואס זָאל עֶר דִיךְ נָאכְדֶעם פָאלְגְן?!

## • אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ

### אַ טַאטֶע און אַ מַאמֶע

דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דִי פְרוֹיעֶן רוּפְן אַהֵיים דִי מֶענֶער זֵיי זָאלְן קוּמֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער פָאלְגְן שְׁנֶעלֶער דֶעם טַאטֶע'ן ווִי דִי מַאמֶע, פַארְוָואס? וַוייל דִי מַאמֶע שְׁפִּילְט זִיךְ מֶער מִיטְ'ן קִינְד און דֶער טַאטֶע אִיז וַוייטֶער פוּנֶעם קִינְד, דֶערְפַאר וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פָאלְגְן, פָאלְגְט מֶען עֶנְדֶערְשׁ דֶער טַאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן אַ טַאטֶע און אַ מַאמֶע; שְׁטְרֶענְגְקֵייט און לִיבְּלִיכְקֵייט. רוֹב מָאל אִיז דֶער טַאטֶע וַוייט פוּנֶעם קִינְד, עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹיפִיל מִיטְ'ן קִינְד, און דִי מַאמֶע שְׁפִּילְט זִיךְ מֶער מִיטְ'ן קִינְד. אַמָאל מַאכְט זִיךְ אַן אוֹיסְנַאם אַז דֶער טַאטֶע אִיז דִי מַאמֶע, און דִי מַאמֶע אִיז דֶער טַאטֶע; אַלְס קִינְד בִּין אִיךְ אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס אִיךְ זֶע, דֶער טַאטֶע אִיז אַ דַיָּין, אַ טֵייעֶרֶער חָשׁוּבֶ'ער אִיד, זֶע אִיךְ ווִי עֶר קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, און דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן וַוארְפְן אוֹיף אִים קִישֶׁענֶעס און דָאכֶענֶעס... און עֶר שְׁרֵייט: **"מַאמִי, דִי קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט"**, פוּן אִיר הָאט מֶען מוֹרָא, זִי קוּמְט אַרַיין מִיטְ'ן הָאלְץ לֶעפְל וָואס מֶען מִישְׁט דֶערְמִיט דִי פֶּערְפְל, (מֶען קֶען נִישְׁט נִיצְן קַיין אַייזֶערְנֶע לֶעפְל, וַוייל אַייזְן וֶוערְט הֵייס און מֶען קֶען זִיךְ אָפְּבְּרִיעֶן), זִי הֵייבְּט אָן שְׁלָאגְן... דָאס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ, וַוייל אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַז וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט נָאר אַרַיין אִין שְׁטוּבּ וֶוערְט גְלַייךְ סֵדֶר.

וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין חַבֵר מִיט זֵיי, דַארְף עֶר בְּלוֹיז הֵייסְן: **"אַרַיין אִין בֶּעט"**, אָן שְׁלָאגְן, און דִי קִינְדֶער וֶועלְן פָאלְגְן.

דֶערְפַאר אִיז זַייעֶר ווִיכְטִיג פַאר מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס צוּ פַארְלַאנְגֶען אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער פָאלְגְן וָואס מֶען הֵייסְט. עֶס מוּז זַיין דֶרֶךְ

<<<

אֶרֶץ, אַז נִישְׁט אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

## אַ כִּתָּה אִיז נִישְׁט וִוי אַ מַאֲשִׁין

מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען אַיינְשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה וִוי אַ מַאֲשִׁין, 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט פַאריָאר **און פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק אַז מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם'**, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אַז מֶען הֶערְט אוֹיף רֶעדְן פוּן דֶעם, פַאלְט עֶס צוּרִיק, דָאס דַארְף מֶען הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן.

## אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט קְדוּשָׁה, אֲפִילוּ דֶער מְלַמֵּד הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַ שַׁארְפֶע דְרָשָׁה פוּן קְדוּשָׁה, אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן און לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט רֶעדְן נָאכְאַמָאל דֶערְפוּן, וֶועט עֶר אֵיין טָאג הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטְן פוּן דִי בָּאס מִיט אַ צְוֵוייטְן קִינְד.

אַ טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ מִיר, עֶר פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס טוּט מֶען דָא? אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז מַיין זוּן בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַ חַבֶר און שְׁפִּילְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל"**, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"דוּ הָאסְט שׁוֹין בִּכְלַל אַמָאל גֶערֶעדְט צוּ דַיין זוּן דֶערְפוּן? און אֲפִילוּ אוֹיבּ יָא, דָאס דַארְף מֶען זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל!"** מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג רֶעדְן דֶערְפוּן, אָבֶער פוּן צַייט צוּ צַייט, וֶוען מֶען טוּט אִים אָן וְכַדוֹמֶה, דַארְף מֶען דָאס אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

## אִיךְ גֵיי צוּרִיק אַרוֹיס...

דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט אֵיינְמָאל דֶערְפוּן בַּיי אַ דְרָשָׁה און שׁוֹין... מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ. אַלְס מְלַמֵּד פְלֶעג אִיךְ נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה בִּיז אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף זֵייעֶרֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ פְלֶעג שְׁטֵיין בַּיים טִיר און גֶעקוּקְט, אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ דַארְף עֶפֶּעס זָאגְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט; אוֹיבּ רוֹב כִּתָּה אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער וָואס זִיצְן נִישְׁט, און אוֹיבּ רוֹב כִּתָּה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן פְּלַאץ הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט רֶעדְן פוּן דִי וָואס זִיצְן יָא, **"זֵייעֶר שֵׁיין אַז דוּ זִיצְט"**, **"דוּ הָאסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ"**, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: **"אִיךְ גֵיי צוּרִיק אַרוֹיס און אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל אַרַיינְקוּמֶען, וַוייל מֶען מוּז זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אַ רֶבִּי וֶוען עֶר קוּמְט אַרַיין, נָאר אַזוֹי גֵייט עֶטְץ אוֹיסְהֶערְן וָואס אִיךְ זָאג"**, אִיךְ בִּין צוּרִיק אַרוֹיס, וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק אַרַיין גֶעקוּמֶען הָאבְּן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

אִיךְ זָאג נִישְׁט מֶען זָאל מִיר נָאכְמַאכְן, אִיךְ וַוארְף רְמָזִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, יֶעדֶער זָאל טוּן אוֹיף זַיין וֶועג.

דָאס אִיז נוֹגֵעַ לְגַבֵּי דֶרֶךְ אֶרֶץ; אָבֶער אַז אַ קִינְד פַאלְט אַרוֹיס פוּן דִי לִימוּדִים, מַאכְט נִישְׁט דֶעם קִינְד פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם קִינְד, טְרָאגְט נִישְׁט דֶעם קִינְד צוּ הִילְף, גֶעבְּט אַלֵיינְס הִילְף פַאר'ן קִינְד וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס, וִויפִיל עֶס אִיז שַׁיָיךְ.

אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין וַוייל אִיךְ מוּז אַרָאפּ גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער, רֶעדְן צוּ זֵיי; זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקְן דֶעם וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ', **"אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן מִיט וָואס פַאר אַ קְלֵייד דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען; אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן וָואס פַאר אַ קַאר דוּ הָאסְט גֶעדְרֵייוְוט; אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן וָואס פַאר אַ הוֹיז דוּ הָאסְט גֶעהַאט, אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן מִיט וָואס פַאר אַ שְׁטִיוְול דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען; אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם, וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט פַאר אַ אִידִישׁ קִינְד'ס לֶעבְּן, וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעגֶעבְּן פַאר אַ קִינְד'ס לֶעבְּן! אַז דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי קִינְדֶער, און גֶעשְׁטַארְקְט דִי קִינְדֶער"**.

אַ טַאטֶע דֶערְצֵיילְט מִיר, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אָפְּנֶעמֶען מַיין בֶּעבִּי פוּן בֶּעבִּיסִיטִינְג (עֶס אִיז אוֹיף אֵיין שְׁטָאק נֶעבְּן דִי קִינְדֶערְגַארְטְן), בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי בֵּית הַכִּסֵא, הֶער אִיךְ אַרוֹיס וִוי אַ מְלַמֵּד גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אַ קִינְד

## • אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ

וָואס הָאט אַיינְגֶעמַאכְט אִין דִי הוֹיזְן, אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ, קוֹדֶם הָאט דֶער מְלַמֵּד זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן עֶס נִישְׁט צוּזֶען, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן פַארְשֶׁעמֶען דֶעם קִינְד און אִים אוֹיסְלַאכְן, עֶס קֶען בְּלַייבְּן אַ פְלֶעק אִינֶעם קִינְד אוֹיפְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, און אִיךְ הֶער וִוי דֶער מְלַמֵּד פָארֶעט זִיךְ מִיטְ'ן קִינְד אַזוֹי הַארְצִיג, און זִינְגְט צוּם קִינְד: **"דוּ בִּיסְט אַזַא וואוֹילֶער אִינְגְל, עֶס קֶען גֶעשֶׁען בַּיי יֶעדְן, עֶס גֵייט נִישְׁט גֶעשֶׁען נָאכְאַמָאל"**.

דָאס אִיז דָאךְ אַזַא לִיכְטִיגֶע מַעֲשֶׂה, הַלְוַאי וְהַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מוֹסְדוֹת הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְדִים, אַ מְלַמֵּד זָאל הָאבְּן אַזַא הַארְץ פַאר אַ קִינְד! קוֹים וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעדוּלְד וֶוען דָאס גֶעשֶׁעט צוּ דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ פַאר'ן קִינְד: **"גֵיי פוּן דָא, גֶעבּ זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה!"** דֶער מְלַמֵּד פַארְשְׁטֵייט אַז עֶר אִיז דָאךְ אַ קִינְד, דָאס קֶען דָאךְ גֶעשֶׁען בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעכַאפְּט, און אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת (אוֹת דֶרֶךְ חֵלֶק ב', סִימָן א): **"עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים"**, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"גּוֹרְמִין, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שְׁלוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה"**, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מְלַמְדִים.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס נָאךְ זָאל אִיךְ דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְדִים?"** אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן, אִיךְ וִויל הָאבְּן בֶּעסֶערֶע מְלַמְדִים, אִיךְ וִויל עֶנְק נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן, אָבֶער אִיךְ וִויל אַז יֶעדֶער מְלַמֵּד זָאל טְרַאכְטְן נָאךְ אֵיין מִינוּט: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר דִי קִינְדֶער?'

**פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ ■**

# הִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים נָאכְ'ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.**

עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אַרַיין צוּ לֵייגְן הֲלָכוֹת אִין קִינְדֶער. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי הֲלָכָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר פוּן דְרַייצְן יָאר: **"דָא הָאסְטוּ אַ חוּמָשׁ, זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה"**, דָאס דַארְף מֶען שׁוֹין אַרַיין לֵייגְן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג.

אוֹיךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל און זֵיי לָאזְן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ זָאגְסְט פָאר אַ בָּחוּר פוּן דְרַייצְן יָאר: **"קוּם אִין שׁוּל!"** – וֶוען עֶר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל, דֶער בָּחוּר וֶועט זָאגְן: **"דוּ לָאזְט מִיךְ אָפּ?!"**

## • אוֹיסְלֶערְנֶען הֲלָכוֹת

אַזוֹי טוּעֶן טַאקֶע דִי מָאדֶערְנֶע, זֵיי נֶעמֶען נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל, וֶוען דֶער קִינְד וֶוערְט בַּר מִצְוָה, בְּרֶענְגְט מֶען אִים אִין שׁוּל מִיטְ'ן טַלִית, עֶר זָאל עוֹלֶה זַיין און זָאגְן דִי הַפְטוֹרָה, נָאכְדֶעם גֵייט דֶער בָּחוּר צוּרִיק זִיךְ שְׁפִּילְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז דִי דְרַייצְן... דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט יָא דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל, אָבֶער מֶען לָאזְט זֵיי אִינְדְרוֹיסְן זִיךְ שְׁפִּילְן, וֶועלְן זֵיי דָאס ווַייטֶער טוּן אוֹיךְ נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה.

דָאס וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט קוּמֶען נִישְׁט אַרַיין צוּם דַאוֶוענֶען, זֵיי בְּלַייבְּן שְׁמוּעֶסְן אִינְדְרוֹיסְן, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט שׁוּלְדִיג, דָאס קוּמְט וַוייל זַיין טַאטֶע הָאט אִים נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען.

## ווי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַריין אִין קִינְדֶער אַ גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה ט' מְלַמֵד אִין אַ מוֹסָד אִין בָּארָא פַּארק, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער מוּסָר אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אוֹיךְ רֶעד אִיךְ אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת צַדִיקִים. לוֹיט ווִיפִיל עֶס אִיז עֶרְלוֹיבְּט אִין דִי מוֹסָד.

אִיךְ שְׁמוּעֶס אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אֵיין זַאךְ טוּט מִיר מוֹרָא'דִיג וֵויי, אִיךְ זֶע אַז אֲפִילוּ דִי גַאר גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ פְּרֶעשׁוּר'דִיגֶע זַאךְ, זֵיי זָאגְן אָפְן אַז זֵיי ווָאלְטְן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין עוֹל, נָאר זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה.

פַארְוָואס שְׁפִּירְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער אַ שְׁטָאלְץ צוּ זַיין אַ אִיד? אוּן ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרייַנְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי יָא צוּ שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען הֶעכֶער ווִי אַ גוֹי, אוּן נִישְׁט מֵיינֶען אַז דֶער גוֹי הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן?

אִיךְ דַאוְון פוּן צַייט צוּ צַייט אִין אַ גֶעווִיסֶע שׁוּל אִין מַיין גֶעגֶענְט, אוּן אֲפִילוּ דִי מִתְפַּלְלִים דָארְט זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי פְרוּם ווִי אִיךְ בִּין, אָבֶער אִיךְ זֶע אַז זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט מַמָשׁ לְהַפְלִיא (לְדֻגְמָא ווֶען אֵיינֶער הָאט אַ קִינְד פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע אוּן יֶעדֶער זָאגְט "בָּרוּךְ הַשֵׁם נָאךְ אַ אִיד אוֹיף דִי ווֶעלְט". סוּכּוֹת מַאכְט מֶען אַ גַאנְצֶע טְרַאסְק פוּן דִי לוּלָב אַז דִידָן נָצַח, אִידְן זֶענֶען דִי גֶעווִינֶער. אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע פְּרַט) אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט ווָאס עֶס מַאכְט זֵיי פִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק, אוּן פַארְוָואס בַּיי אוּנְז אִיז דָאס נִישְׁט דָא?

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" – אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת, אַ מְלַמֵד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס, פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵד; בַּיי דִי ווֶעלְט אִיז אַ מְלַמֵד נִישְׁט אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ שְׁטֶעלֶע, נִישְׁט נָאר בַּיי סְתַּם מֶענְטְשְׁן אִיז אַ מְלַמֵד אַרָאפּ גֶעקוּקְט, נָאר בַּיי דֶעם מְלַמֵד אַלֵיינְס אִיז דָאס גַאנְצֶע מְלַמְדוּת אַן אַרָאפְּגֶעקוּקְטֶע זַאךְ. דִי מְלַמְדִים קוּמֶען אִין חֵדֶר זִייעֶנְדִיג זֵייעֶר אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַזַא אַרְבֶּעט וְכוּ', אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מְלַמְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אַן אַחְרָיוּת'דִיגֶע אַרְבֶּעט, ווַייל אַ מְלַמֵד קֶען אוֹיפְהֵייבְּן קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר זֵייעֶר גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ – עֶר קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן אִים אַזוֹי אַרָאפּ קְלַאפְּן, אַז דֶער קִינְד זָאל בְּלַייבְּן אַ צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמָה אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְלַמְדִים, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים פַאר מְלַמְדִים – סַיי זֵיי מְחַזֵק צוּ זַיין זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז זֵיי הָאבְּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע אַרְבֶּעט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, אוֹיבּ טוּט מֶען נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צב): "אָמַר רַב שֵׁשֶׁת כָּל הַמְּלַמֵּד תּוֹרָה בָּעוֹלָם הַזֶּה, זוֹכֶה וּמְלַמְּדָהּ לְעוֹלָם הַבָּא", דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר תַּלְמִידִים אוֹיף דִי ווֶעלְט, ווֶעט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען בָּעוֹלָם הַבָּא, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי יא, כו): "וּבְרָכָה לְרֹאשׁ מַשְׁבִּיר", עַיֵין שָׁם.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת (כ"ד תִּשְׁרֵי) אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מְרִיבְּנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֵיינְט ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק אוּן אֵיין מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר אַריין אִין דִי בֵּיינֶער. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי אַז מֶען הָאט אַנְדֶעקְט בַּיי אִים אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ, אוּן דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין לֶעבְּן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַ בְּרָכָה אָבֶער דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים. דֶער אִיד אִיז אַרוֹיס בְּפַחֵי נֶפֶשׁ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז מֶער נִישְׁט דָא ווָאס צוּ טוּן, דִי גַבָּאִים הָאבְּן זֵייעֶר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם אִיד, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעפַאנְגֶען מוּטְשֶׁען דֶעם צַדִיק עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר דֶעם אִיד, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, דֶער אִיד אִיז אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר", הָאט דֶער צַדִיק זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "עֶר אִיז אַ מְלַמֵד?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט פַארְ'ן צַדִיק: "יָא, עֶר אִיז אַ מְלַמֵד, אוּן עֶר דַארְף אַ רְפוּאָה". דֶער רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס גֶעלָאפְן אוֹיפְן גַאס, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען נָאךְ לוֹיפְן דֶעם אִיד בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: "אִיר זֶענְט אַ מְלַמֵד שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר?" זָאגְט דֶער אִיד: "יָא", פְרֶעגְט אִים דֶער צַדִיק: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט ווֶערְן גֶעזוּנְט, ווֶעסְטוּ ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער?" זָאגְט דֶער אִיד: "יָא; אִיךְ זָאג צוּ אַז אוֹיבּ אִיךְ ווֶער גֶעזוּנְט גֵיי אִיךְ צוּרִיק אִין חֵדֶר פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר", הֶערְנְדִיג דָאס הָאט אִים דֶער רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה; דֶער אִיד אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; פוּן אֵיין זַייט אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן חָשׁוּב צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי קִינְדֶער. גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען קַיין שׁוּם קִינְד, בִּפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, ווָאס בְּדֶרֶךְ כְּלַל טְשֶׁעפֶּעט מֶען זֵיי אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי – ווַייל מֶען ווֵייסְט אַז קֵיינֶער ווֶעט נִישְׁט פָארְהַאלְטְן וְכוּ', זֵיי דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעבְּן גוּטֶע ווֶערְטֶער יֶעדְן טָאג אָן אַ שִׁיעוּר.

אִיךְ גֶעדֶענְק ווֶען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ ווָאס אִיךְ זָאל טוּן מִיט דִי בָּחוּרִים ווָאס דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, צִי אִיךְ זָאל אַהֵיים שִׁיקְן דִי בָּחוּרִים, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן אַ בָּחוּר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט דִיר גֶעבְּן שְׂכַר לִימוּד פַאר דִי בָּחוּרִים"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין טִיפְּס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט דִיר גֶעבְּן טִיפְּס פַאר דִי קִינְדֶער. ווֶען דוּ זֶעסְט קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן שִׁיקְן נִישְׁט קַיין טִיפְּס, זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן דִיר, דָאס אַלֵיינְס דַארְף דִיר גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ צוּ טְרַאכְטְן אַז דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען מֶער מְחַזֵק זַיין, ווַייל דִי קִינְדֶער הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, שְׁרַייבְּן נִישְׁט קַיין צֶעטְלֶעךְ, מֶען הֶערְט נִישְׁט פוּן זֵיי וְכוּ' וְכוּ' אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין חֲנוּכָּה גֶעלְט אוּן פּוּרִים גֶעלְט, דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן רַחְמָנוּת גֶעפִילְן אוֹיף דִי סָארְט קִינְדֶער אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ זָארְגְן פַאר זֵיי, אוּן זַיין ווִי אַ טַאטֶע פַאר זֵיי.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְּלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילּוּ יְלָדוֹ"; פְּשַׁט דֶערְפוּן אִיז, אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְוֵוייטְנְס קִינְד דַארְף טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'דָאס אִיז מַיין קִינְד'; אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים רוֹצְחִים וָואס פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי שְׁלָאגְן, צִיפְּן וְכוּ' וְכוּ'; זֵיי מֵיינֶען אַז עֶס אִיז הֶפְקֵר ווֶעלְט, אָבֶער עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר, אוּן נָאכְדֶעם בַּאצָאלְט מֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען וָואס דַארְפְן קוּמֶען אוּן גֵיין ווִי דִי 'לָאנְדֶענֶע סָאלְדַאטְן'. אַ קִינְד אִיז אַ קִינְד, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי; ווָאוּיל אִיז פַאר אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי ווִי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווֶעט אִים בַּאצָאלְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען ווֶעט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַריין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט ווִיסְן – זָאגְט דֶער רֶבִּי – אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", ווַייל ווֶען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק ווֶערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

<<<

## פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

און מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען וְוען עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, און מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק; בִּפְרַט אַז מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פון צַדִּיקִים פַאר קִינְדֶער הָאט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְן קִינְד, וַוייל וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פון אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיוֹת פון צַדִּיקִים; דֶעם רֶבִּינְ׳ס מַאמֶע פֵיגָא הָאט גֶע׳יַרְשְׁ׳נְט דִי הוֹיז פון אִיר מַאמֶע – דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס טָאכְטֶער, וָואס זִי הָאט גֶע׳יַרְשְׁ׳נְט דָאס הוֹיז פון אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, און וֶוען דִי תַּלְמִידִים פון הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיּוּן פון זֵייעֶר רֶבִּי – דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיין גֵיין אִין הוֹיז פון בַּעַל שֵׁם טוֹב, זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי און זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ פון זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל דֶעמָאלְט, און עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פון דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִּיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בְּשַׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע און זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, און וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ און אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פון דֶער וֶועלְט – כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פון קֵיינֶעם, דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר״, און אַזוֹי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס טַאטֶע.

אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלְט זַייעֶנְדִיג פִינְף יָאר גֶעוָוארְן אַ קַיילֶעכְדִיגֶער יָתוֹם, און אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט.

אָבֶער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנְ׳ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: ״יִשְׂרָאלִיק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פון קֵיינֶעם, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר״, אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיף גֶעוַואקְסְן, און וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין פֶעלְד און זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר זֶעט וִוי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, און דֶער אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ און פְרֶעגְט אִים: ״וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיינְס אִין וַואלְד?״ רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים יִשְׂרָאלִיק: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר״, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא״, און עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ׳עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): ״עָזַב ה׳ אֶת הָאָרֶץ״. (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי זָאגְן, אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, און מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

און דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג און אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, און בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן טִיפֵּשׁ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): ״יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן״, און פְּלוּצְלִינְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גָארְנִישְׁט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם ס״ם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס אִין זַיין הוֹיז וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל. גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: ״גֶעוַואלְד! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק?״ און דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פון שְׁטוּב און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פון בַּעַל שֵׁם טוֹב און גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ׳ וְכוּ׳״. בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פון דֶעם, אַז וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פון אַ צַדִּיק, דָאס פְלַאקֶערְט אִים אוֹיף זַיין הַארְץ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פון זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: ״יָא״, הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?״ זָאגְט עֶר: ״חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת״, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי״ע: ״נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט מוּסָר, צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זי״ע און פון זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זי״ע״; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פון צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערְפַאר, אַז דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער אֱמוּנָה און לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, דָאס קוּמְט דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט.

וְעַל כּוּלָם דַארְף אַ מְלַמֵּד אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגִיסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן יִרְאֵי הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, און דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א׳, מִכְתָּב עז)


## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א

**אויף קול ברסלב**

**דרוקט: 1-2-4-2**

**- שמעו ותחי נפשכם -**


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876